בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת פקודי תשע"ו** **גליון 351 [שנה ח']**

### האלטן א חשבון אויף געלט און צייט

אֵלֶּה פְקוּדֵי הַמִּשְׁכָּן מִשְׁכַּן הָעֵדֻת: (ל"ח כ"א) מיר ווייסן אז אלעס וואס עס שטייט אין די הייליגע תורה איז א לימוד אויף לדורות, אויב אזוי די תורה רעכענט אויס פונקטלאך דעם חשבון פון אלע נדבות פון גאלד, זילבער און קופער, וואס איז דאס נוגע צו די שפעטערדיגע דורות? נאר מיר ווייסן אז יעדער איד איז א משכן, און אויב ער איז הייליג, רוהט אויף אים די שכינה, ממילא אזוי ווי ביי דעם משכן האט מען געמוזט געבן א דין וחשבון וויפיל עס איז אריינגעקומען, אזוי אויך מוז א איד וואס איז א משכן, מאכן א חשבון אויף זיין געלט צו ער גיט גענוג צדקה, צו דאס איז ריינע געלט. און אויך אויף די טייערע צייט פון א מענטש, צו ער נוצט דאס אויס אויף תורה און מעשים טובים. ווייל כי לי כל הארץ (שמות יט ה) אלעס אויף די וועלט איז פון אויבערשטן. (דרש משה – ר' משה פיינשטיין זצ"ל)

### פארוואס האט משה רבינו נישט געבויט אליין די משכן

אֵלֶּה פְקוּדֵי הַמִּשְׁכָּן מִשְׁכַּן הָעֵדֻת אֲשֶׁר פֻּקַּד עַל־פִּי מֹשֶׁה בְּיַד אִיתָמָר בֶּן־אַהֲרֹן הַכֹּהֵן: (ל"ח כ"א) שרייבט רש"י: אז איתמר האט באפוילן נאך מענטשן פון יעדן בית אב צו העלפן, מֹשֶׁה. דארף מען פארשטיין פארוואס האט משה רבינו נישט געקענט אליין מאכן די משכן אן אנקומען צו הילף פון נאך אידן? נאר עס שטייט הַמִּשְׁכָּן מִשְׁכַּן און רש"י ברענגט אז דאס איז א רמז אז די צוויי בית המקדש וועלן חרוב ווערן. און חז"ל זאגן "הקב"ה שפך כעסו על העצים ועל האבנים" דער אויבערשטער האט אויסגעגאסן זיין צארן פון די אידן, און חרוב געמאכט די צוויי בית המקדש אנשטאט די אידן ח"ו, כדי עס זאל זיין א קיום פון כלל ישראל, אבער אויב משה וואלט געבויט דעם משכן אליין וואלט דער בית המקדש נישט געקענט חרוב ווערן, און דער אויבערשטער וואלט נישט געקענט ארויף לייגן זיין צארן אויפן בית המקדש, נאר ח"ו אויף כלל ישראל. דעריבער האט דער רבש"ע געהייסן די משכן זאל געמאכט ווערן מיט נאך מענטשן, אויב מען וועט דאס מוזן חרוב מאכן שפעטער. דאס מיינט דער פסוק אֵלֶּה "פְקוּדֵי", א לשון פון חסרון, וְלֹא נִפְקַד מִמֶּנּוּ אִישׁ. (במדבר לא מט) מיינט עס וועט נישט פעלן, הַמִּשְׁכָּן, דאס וואס דער משכן וועט האבן א חסרון, און קענען חרוב ווערן, איז נאר ווייל בְּיַד אִיתָמָר בֶּן־אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, דער משכן איז געבויט געווארן מיט אנדערע. (תורת משה חתם סופר) לייגט צו זיין אייניקל דער ערלויער רב הכ"מ, דאס וואס דער בית המקדש האט געקענט חרוב ווערן, איז: עַל "פִּי" מֹשֶׁה ווייל מֹשֶׁה האט גערעדט צום שטיין, שִׁמְעוּ נָא הַמֹּרִים, און האט איר נישט געשלאגן, איז מֹשֶׁה נישט אריין אין ארץ ישראל, און האט שוין נישט געבויט דעם בית המקדש, וועגן דעם האט מען דאס געקענט חרוב מאכן. (שיר מעון– הגה"ק מערלוי הכ"מ) מיט דעם זעלבן מהלך פון הייליגן חת"ם סופר קען מען אויך פארענטפערן דעם פסוק וּבְצַלְאֵל בֶּן־אוּרִי בֶן־חוּר לְמַטֵּה יְהוּדָה עָשָׂה אֵת כָּל־אֲשֶׁר־צִוָּה ה' אֶת־מֹשֶׁה: (ל"ח כ"ב) וואס מען דארף פארשטיין פארוואס האט בצלאל געמוזט מאכן די משכן און משה רבינו האט נישט געקענט מאכן דעם משכן? נאר דער אויבערשטער האט געוואלט אז בצלאל זאל מאכן דעם משכן, אויב חלילה וועט מען דארפן חרוב מאכן די צוויי בית המקדש, און אויב משה רבינו וועט מאכן די משכן אליין וועט מען נישט קענען חרוב מאכן די בית המקדש, דאס מיינט דער פסוק: אֵלֶּה פְקוּדֵי הַמִּשְׁכָּן מִשְׁכַּן, אז עס האט געקענט זיין א חסרון ביי מִשְׁכַּן הַמִּשְׁכָּן די צוויי בית המקדש, איז נאר ווייל וּבְצַלְאֵל עָשָׂה אֵת כָּל־אֲשֶׁר־צִוָּה ה', און נישט משה רבינו. (משנת דרבי אליעזר [פרנקפורט ת"ס] און ספר אברהם אנכי לר' אברהם ב"ר חיים פאלאג"י)

### דער ענין פון וַיְבָרֶךְ אֹתָם מֹשֶׁה

וַתֵּכֶל כָּל־עֲבֹדַת מִשְׁכַּן אֹהֶל מוֹעֵד וַיַּעֲשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כְּכֹל אֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת־מֹשֶׁה כֵּן עָשׂוּ: (לט לב) עס איז א פלא ווייל די סדר הפסוק וואלט געדארפט פריערט שטיין וַיַּעֲשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כְּכֹל אֲשֶׁר צִוָּה ה' זיי האבן אלעס געטאן וואס דער אויבערשטער האט זיי געהייסן און נאכדעם וַתֵּכֶל כָּל־עֲבֹדַת מִשְׁכַּן, זיי האבן געענדיגט די ארבעט? נאך איז שווער אז שפעטער (פסוק מג) שטייט וַיַּרְא מֹשֶׁה אֶת־כָּל־הַמְּלָאכָה וְהִנֵּה עָשׂוּ אֹתָהּ כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה' כֵּן עָשׂוּ וַיְבָרֶךְ אֹתָם מֹשֶׁה: וואס מיינט וַיַּרְא מֹשֶׁה, האט דען נאר משה געזען און נישט אלע אידן אויב אזוי פארוואס שטייט וַיַּרְא מֹשֶׁה? און אויך איז שווער וואס שטייט וַיְבָרֶךְ אֹתָם מֹשֶׁה נאך וַיַּרְא מֹשֶׁה, לכאורה וואלט די ברכה געדארפט זיין ווייל מען האט געענדיגט אויב אזוי וואלט דאס געדארפט שטיין פריערט ביי וַתֵּכֶל כָּל־עֲבֹדַת מִשְׁכַּן עס האט זיך געענדיגט די עבודה און דעריבער וַיְבָרֶךְ אֹתָם מֹשֶׁה? נאר מען קען זאגן אז מען זעט ביי די תרומת המשכן וְיִקְחוּ־לִי תְּרוּמָה מֵאֵת כָּל־אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ האט מען געדארפט נדיבת הלב א רצון טוב צו געבן און אויך זאגט רש"י לִי לִשְׁמִי. ממילא ווען א מענטש טוט א מצוה איז ער ווארעם אין אנפאנג פון דעם טאן אבער ער ווערט שפעטער אבגעקילט און טוט ניט די מצוה מיטן זעלבן ווארעמקייט פון פריערט, דאס זאגט די הייליגע תורה וַתֵּכֶל כָּל־עֲבֹדַת מִשְׁכַּן אֹהֶל מוֹעֵד, די אידן האלטן ביים ענדיגן די ארבעט פון משכן איז די תורה מעיד וַיַּעֲשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כְּכֹל אֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת־מֹשֶׁה, אז די זעלבע ווארעמקייט פון די צייט פון ציווי איז געבליבן אויך ביים ענדיגן, אבער ווער האט דאס געקענט זען צו די מענטש האט נאך די חמימות די גאנצע צייט? דאס איז דאך משה רבינו, דעריבער שטייט וַיַּרְא מֹשֶׁה אֶת־כָּל־הַמְּלָאכָה וְהִנֵּה עָשׂוּ אֹתָהּ כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה' כֵּן עָשׂוּ, משה האט געהאט די כח אריינקוקן אין יעדן איד'ס הארץ, און ווען משה האט געזען אז די אידן האבן נאך די זעלבע ווארעמקייט ביים ענדע פון די מצוה ווי ביים אנפאנג, און דאס מיינט וַיַּרְא מֹשֶׁה אֶת־"כָּל־הַמְּלָאכָה" סיי די חלק פון גשמיות, טאן די ארבעט, און סיי די רוחניות פון ווארעמקייט און נדיבות הלב, דעריבער וַיְבָרֶךְ אֹתָם מֹשֶׁה: האט זיי משה געבענטשט. (דרשות בן איש חי)

### וועגן די ענוה פון כלל ישראל האט זיי משה געבענטשט

וַתֵּכֶל כָּל־עֲבֹדַת מִשְׁכַּן אֹהֶל מוֹעֵד: (ל"ט ל"ב) שטייט אין ספה"ק אמרי חיים פון וויזניץ, וַתֵּכֶל איז דער ר"ת ו'נפשי כ'עפר ל'כל ת'היה, מרמז צו זיין אז די אידן האבן זיך נישט גרויס געהאלטן ביים עבודת המשכן. לויט דעם איז גוט די ענדע פון פסוק: כְּכֹל אֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת־מֹשֶׁה כֵּן עָשׂוּ. ווייל משה איז געווען דער עניו מאד, און כדי דער אויבערשטער זאל רוהען זיין שכינה אויף די אידן האבן זיי געמוזט זיין בענוה אזוי ווי משה. (ספר אוצר אפרים – שטיין) מיט דעם מהלך קען מען ווייטער זאגן וואס עס שטייט וַיַּרְא מֹשֶׁה אֶת כָּל הַמְּלָאכָה וְהִנֵּה עָשׂוּ אֹתָהּ ... וַיְבָרֶךְ אֹתָם מֹשֶׁה: (ל"ט מ"ג) זאגט רש"י ויברך אותם משה: אמר להם יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם, ווייל עס שטייט מָרוֹם וְקָדוֹשׁ אֶשְׁכּוֹן וְאֶת דַּכָּא וּשְׁפַל רוּחַ: (ישעי' נ"ז ט"ו) און די גמ' (סוטה דף ה.) דרשענט פון דא אז די שכינה איז שורה נאר אויף דעם וואס ער איז א עניו. ממילא ווייל די אידן זענען געווען בשפלות ווי עס איז מרומז אין ו'נפשי כ'עפר ל'כל ת'היה, דעריבער איז געווען וַיְבָרֶךְ אֹתָם מֹשֶׁה: אז די שכינה זאל רוהען אויף די אידן. (שמח זבולון)

לשם מצוה האבן מיר אוועק צו געבן 200 געניצטע און נייע גמרות פון אלטן דרוק און נאך אפאר הונדערט חומשים און ספרים, נישט קיין שֵׁימוֹת, גוט פאר א האטעל אדער קעמפ מוז נעמען אלעס.

## מדור העובדות

# **** דער אהבת ישראל פון וויזניץ פראוועט א שידוך פון דערווייטנס ****



הרה"ח ר' חיים סנדר ניימאן

הגאון החסיד ר' חיים סנדר ניימאן זצ"ל, פון די שופרא דחברייא ביים אהבת ישראל און אמרי חיים וכו', האט דערציילט אז ווען ער האט געוואוינט אין שטאט סאטמאר האט דארט אויך געוואוינט א פרוי וואס לא עלינו איז זי געווארן א יונגע אלמנה מיט א שטוב פון קינדער אבער זי האט געהאט מסירת נפש און געשאפט געלט און הילף צו מחנך זיין אירע קינדער צו זיין עהרליכע און בני תורה, איר עלטסטער זון איז געקומען אין די יארן און זי האט גֿעדאגה'ט וואס טוט מען מיט די ארמיי, און ווי אזוי מאכט מען אים חתונה, זי האט גענומען די תהלים און געוויינט צום אויבערשטן ער זאל איר העלפן. ויהי היום, און א בריוו איז אנגעקומען פון אמעריקא און זי עפענט דאס און לייענט אז אירע א באקאנטער וואס האט זיך אריבער געצויגן דארטן האט א פיינע טאכטער און היות זיי זענען געווען אמאל שכינים און זי ווייסט אז זיי האבן א זון אין די יארן, שרייבט זי אז זיי האבן געשיקט א אפידאוויד און א וויזא קיין פרנקפורט אז זיי בעטן דעם בחור זאל ארויספארן קיין אמעריקא און זיי וועלן אים אויסהאלטן. דעריבער זאל ער גיין קיין בוקארעסט און מאכן א פאספארט און נאכדעם קען דער בחור גיין אין פראנקפורט אפנעמען די אפידאוויד און וויזא און קומען קיין אמריקא און מען וועט מאכן א חתונה דארטן.

די אלמנה איז איבערגליקלאך פון דעם בריוו אז דער אויבערשטער האט אויסגעהערט אירע תפילות אז יעצט וועט דער בחור פטור ווערן פון די ארמיי און פון אמעריקא וועט ער זיכער קענען שיקן געלט ארויסהעלפן די משפחה! מיט פרייד רופט זי אריין איר זון און דערציילט אים וועגן די בריוו. דער בחור איז געווען זייער נאנט מיט ר' חיים סנדר און אים דערציילט וועגן די בריוו און פרעגט אים וואס ער האלט! ר' חיים סנדר טראכט און זאגט אז דו דארפסט ממילא דורך פארן גראסווארדיין אויפן וועג קיין בוקארעסט, ממילא האלט איך אז דו זאלסט אריינגיין צום אהבת ישראל און זיך דורכרעדן מיט אים און וואס ער זאגט זאלסטו טאן.

דער בחור האט געזאגט אז באמת דארף מען פרעגן א צדיק און זיי האבן אפגערעדט אז אויף ראש השנה וועלן זיי ביידע פארן צום אהבת ישראל און נעמען א ברכה און הסכמה און גלייך נאכדעם וועט דער בחור פארן קיין בוקארעסט. די אלמנה האט אויך מסכים געווען דערצו און מען איז געפארן קיין גראסווארדיין אויף ראש השנה. מוצאי ראש השנה איז געווען א גרויסער עולם וואס האבן געווארט צו רעדן מיטן אהבת ישראל, דעריבער האט מען אנגעזאגט אז מען זאל מאכן אלעס בקיצור. עס איז געווען שפעט ווען עס איז אנגעקומען די רייע פון ר' חיים סנדר, און דער בחור און ר' חיים סנדר דערציילט פארן רבין וועגן דעם שידוך וואס איז פול מיט מעלות און וואס ער זאגט אויפן שידוך און דעם עצם פארן קיין אמעריקא! אבער זיי זענען נשתומם געווען צו הערן די תשובה פון רבין: "קיין בוקארעסט זאל ער פארן נעמען א פאס אבער קיין פראנקפורט זאל ער נישט פארן נעמען די וויזא" און ביז ר' חיים סנדר האט געוואלט עפעס זאגן האט מען זיי געהאט אוועק געשטופט פון די רייע!

דער בחור איז געווארן זייער דערשלאגן און געהאט א טענה אויף ר' חיים סנדר פארוואס ער האט אים מייעץ געווען גיין צום רבין, אבער ר' חיים סנדר האט אים מחזק געווען אין אמונת צדיקים אז אלעס מיינט דער צדיק לטובה פון דעם מענטש. ר' חיים סנדר האט אבער געפילט אז ער האט נישט געהאט גענוג צייט ארויסגעבן פארן רבין די גאנצע געשיכטע און אז מען רעדט וועגן א צובראכענע אלמנה און האט מחליט געווען מען שטעלט זיך נאכאמאל אין די רייע און ווען ער קומט צום רבין און דערציילט דעם גאנצן מצב, און ער פירט אויך אויס אז די מיידל הייסט דאך רבקה און די מאמע הייסט רחל, ממילא די נעמען שטימן אויך! האט דער רבי זיך אנגערופן" האב איך דען געזאגט אז זי טאר נישט הייסן רבקה" און דער רבי האט נאכאמאל געזאגט "א פאס זאל ער זיך מאכן און נישט די וויזא".

דער בחור האט געזען ווי שטארק דער רבי האט גערעדט האט ער געגלויבט אז דער שידוך איז נישט פאר אים, איז ער געפארן קיין בוקארעסט און באשטעלט זיין פאספארט און איז צוריקגעפארן קיין סאטמאר גלייך צום שטוב פון ר' חיים סנדר און געבעטן אויב ער קען זיין ביי אים אויף סוכות כדי נישט מצער זיין - זיין מאמע, און אזוי זאל מען טראכטן א עצה ווי דאס איבערגעבן פאר די מאמע וואס דער רבי האט געזאגט און ר' חיים סנדר האט מסכים געווען און זיי האבן געפראוועט א דערהויבענער יו"ט צוזאמען און ר' חיים סנדר איז מחזק דעם בחור. חול המועד סוכות באקומט ר' חיים סנדר א בריוו פון א נאנטער ידיד זיינע אז היות ער האט א טאכטער וואס האלט ביי שידוכים און ער זוכט א היימישע חסידישע בחור, און ער האט ארויסגעשיקט זיין טאכטער און זי וועט אנקומען צו אים גלייך נאך יו"ט, און שרייבט אין בריוו אויב ער וועט טרעפן די פאסיגע בחור האט זי מיט זיך א וויזא און א שיפ'ס קארטל פאר דעם בחור און געלט פאר אלע הוצאות.



אהבת ישראל וויזניץ

ר' חיים סנדר האט דערציילט פארן בחור וועגן בריוו און זיי האבן געזען דערווייל די השגחה וואס ער איז געקומען צו אים אויף יו"ט און האט אים געזאגט צו בלייבן ביז די מיידל וועט אנקומען און אפשר איז דאס דער שידוך וואס דער רבי האט געמיינט! גלייך נאך יו"ט איז די מיידל אנגעקומען צו ר' חיים סנדר און ער איז נשתומם געווארן צו הערן אז די מיידל הייסט אויך רבקה און ער האט געגלויבט אז דער רבי האט געזען דעם שידוך און דער שידוך איז געווארן.

די אלמנה האט זיך זייער געפריידט און זיך געזעגנט פון איר זון. די חתונה האט מען געפראוועט אין אמריקא און דער בחור איז געווען זייער צופרידן פון די ווארעמע חסידישע שטוב און האט זיך איבערגעצייגט אז די דיבורים פון ר' חיים סנדר איז געווען גערעכט און די ווערטער פון אהבת ישראל "האב איך דען געזאגט אז זי טאר נישט הייסן רבקה" איז אים שטענדיג געקלונגען אין זיינע אויערן און איז געווארן דבוק אין צדיק זענדיג זיין רוח הקודש זיצענדיג אין גראסווארדיין און פירן א שידוך אין אמעריקא.


נישט קוקן אין דעם חלק במשך השבת קודש: *הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד- צו פארקויפן-*

*א זעלטענע שיינע סעט פון חומש היכל הברכה קאמארנא ערשטע דרוק מיט הונדערטער הגהות פון הרה"ג ר' יצחק יוסף הזן פון לאסק אויף רש"י און משכיל לדוד מען קען מאכן א ספר פון די הגהות 13000$, סידור תורה אור חב"ד געדרוקט אין שנגהאי תש"ו זייער זעלטן 6000$, ספר יעקב וישראל זידיטשוב מיט פול הגהות בכת"י 1500$*

תהלים אמרות טהורות דפוס זיטאמיר, תהלים דגל והודיה דפוס זיטאמיר, תהלים ע"ט דפוס זיטאמיר, הרבה ספרים מישיבה תת"ל ליובאוויטש ומישיבת מיר שנדפסו בשנגהאי. הרבה ספרי חב"ד שנדפסו לפני המלחמה, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, ספר שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון א סגולה אויף שמירה, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר 1500$. קול קורא פון חפץ חיים תרפ"ט פון ווילנא וועגן טהרת המשפחה 600$, **גרויסע תהלים דפוס זיטאמיר 5000$**,, בריוו פון הגאון ר' אליעזר ראביאוויץ דער מינסק גדול, א בריוו פון ר' אהרן וואלקין וועגן זיין ספר סביב ליראיו, תשובה פון הייליגן דברי יואל 5 שורות כת"י בלי חתימה. ספר מגיני שלמה וויניציא תק"א עם חתימת ר' פייוויל פלויט תלמיד חתם סופר., הכתב והקבלה דפוס ראשון, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ. א גמרא פון** הרה"ג ר' אברהם פאם זצ"ל 180$, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל 600$, ספר פרקי הנאז"ר על שחיטה מבואר על פי חסידות 90$, בעבער פון הרה"ק ר' מאיר מפרימישלאן, קומט אריין און איבערצייגט זיך. איבער 10000 ספרים אין געשעפט, מיר ווייסן וואס מיר האבן, און אלעס איז מסודר אין א סדר.

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Thursday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת -- http://ladaat.info/gilyonot.aspx אדער אויף לדעת